(הביאור על פרקי אבות (דלקמן), נדפס בלקו"ש שמיני (ש.ז.) ובהשמטות לשם)

אזוי ווי דאס איז דער שבת נאך פסח, וואס דעמולט הייבט מען אן לערנען פרקי אבות, וועט מען ריידן א ענין אין פ"א, וואס אויף די ערשטע משנה האט מען שוין אמאל גערעדט, וועט מען זיך שטעלן אויף די משנה ט"ו, וואס ער זאגט "שמאי אומר עשה תורתך קבע, אמור מעט ועשה הרבה, והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות",

וואס אין דערויף איז דאך ניט פארשטאנדיק: דער ענין פון פ"א איז דאך מילי דחסידותא, און א ענין של חידוש, איז וואס איז דא דער אויפטו פון עשה תורתך קבע? ס'איז דאך א דבר פשוט אז ס'דארף זיין התמדה ושקידה בלימוד התורה, און אין דעם פרק גופא זאגט ער פריער (א, ב) על שלשה דברים העולם עומד וואס איינער פון זיי איז תורה, איז וואס איז דא דער חידוש?

עד"ז איז ניט פארשטאנדיק: ער ברייננגט דאך דא דריי ענינים וואס שמאי אומר, שמאי האט דאך געזאגט א סך זאכן, און וויבאלד אז ער זאגט די דריי זאכן צוזאמען דארף דאך זיין עפעס א קשר ושייכות צווישן זיי, וואס לבאו' איז דאס דריי באזונדערע זאכן וואס האבן ניט קיין קשר? [וואס דאס וואס ער זאגט על שלושה דברים העולם עומד וכו' איז דאס טאקע דריי באזונדערע זאכן, אבער זיי האבן א קשר צווישן זיך וואס עליהם העולם עומד],

אויך איז ניט פארשטאנדיק - וואס איז דער אויפטו אין דעם וואס ער זאגט "אמור מעט ועשה הרבה"? מפרשים טייטשן אז אע"פ אז צוזאגן דארף מען וויייניג, פונדעסטוועגן דארף זיין ועשה הרבה, דאס וואס ס'דארף זיין אמור מעט איז פארשטאנדיק ווארום וויבאלד אז ס'דארף זיין לא יחל דברו (במדבר ל, ג) און היין צדק הן שלך צדק (ב"מ מט, א) איז געזינטער ער זאל זאגן וויייניג, און מ'זעט דאס אויך בא אברהם אבינו וואס ער האט געזאגט מערניט ואקחה פת לחם, און דערנאך איז געווען ואל הבקר רץ אברהם וכו' (בראשית יח, ה-ז), נאר וואס וועט בלייבן דער חידוש ועשה הרבה - איז דאס אויך ניט קיין חידוש, ווארום וויבאלד אז דאס איז א גוטע זאך איז פארשטאנדיק אז ס'דארף זיין הרבה?

יתרה מזו: צריך כל אדם כו' לשקול ולבחון בעצמו אם הוא עובד ה' בערך ובחי' מלחמה עצומה כו' בבחי' ועשה טוב כו' הרבה יותר מחפצו ורצונו לפי טבעו ורגילותו כו' (עיין תניא פ"ל).

<u>הנחה הח' בלתי מוגה</u>

און עד"ז דארף מען פארשטיין דאס וואס ער זאגט "והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות"*).

איז אמת טאקע אז דא איז פאראן א חידוש אז דאס דארף זיין בנוגע כל האדם, (ראה בארוכה לקמן בהתירוצים), אבער דא איז ניט פארשטאנדיק וואס איז דער קישור צו די פריערדיקע צוויי זאכן, ובפי שיתבאר לקמן.

ז. בנוגע צו דעם ביאור אין פר"א, איז אויך ניט פארשטאנדיק פארוואס זאגט ער נאר עשה תורתך קבע און ער פירט ניט אוים ומלאכתך עראי, אזוי ווי דאס ברייננגט זיך כמ"פ אין גמרא (ברכות לה, ב) ושו"ע (סי׳ קנ"ו ס"א), אה"נ - די משנה רעדט בלשון קצרה, אבער עס האט געדארפט שטיין ומלאכתך עראי בכדי צו שולל זיין דעם פירוש הבא לקמן.

כמדובר כמ"פ אז אע"פ וואס אין אבות דר"נ איז ער מפרש די משניות פון פר"א, פונדעסטוועגן זעט מען אז אין מחזור ויטרי איז ער מפרש די משניות היפך פון דעם פי׳ אין אדר"נ, עד"ז אויך אין רש"י אדער אין רמב"ם איז דא אנדערע פירושים, וואס פון דעם איז פארשטאנדיק שהוא ע"ד ווי אין כתובים איז דא כו"כ פירושים, ע׳ פנים לתורה (זח"א מז, ב) ביז ששים רבוא, און ווי דער אריז"ל זאגט אז ס׳איז דא ששים רבוא אופנים אין די ד׳ אופני הלימוד פון פשט רמז דרוש סוד, ווייל דאס איז נתנה לכאו"א כפי שורש נשמתו, וואס כאו"א במסילתו יעלה דאס שטייט אבער אין בההאריז"ל, אבער לפועל זעט מען אז ס׳איז דא באר א סך פירושים מער ווי אין אנדערע מס׳, ביז אז דער אריז"ל איז אויך מבאר כו"כ משניות פון אבות (ראה שער מאחז"ל בסופו).

וואס ס׳איז דאך דא א חיוב צו מחדש זיין בתורה, ובפרט ווען ער האט א קשיא, דארף ער ניט טראכטן אז וויבאלד דער מפורש האט דאס ניט פארענטפערט, דארף דאס בלייבן א קשיא, נאר ער דארף**) זיך מייגע זיין און געפינען א תירוץ, און דאס איז ניט נאר אמאל נאר אויך איצטער, אויב ס׳איז נאר אויסגעהאלטן עפ"י כללי התורה.

און דערפאר קען מען זאגן עכ"פ בדא"פ דעם פי׳ אין די משנה: ער זאגט עשה תורתך קבע, וואס דאס קומט בהמשך צו דעם וואס עס שטייט פריער על שלשה דברים העולם עומד על התורה על העבודה ועל גמ"ח, און אויף דערויף זאגט ער ווייטער אז אין וועלכע פון זיי דארף זיין זיין קביעות - איז עשה תורתך קבע, אז די קביעוה דארף זיין אין קו התורה.

און דאס וואס ער זאגט ניט ומלאכתך עראי אזוי ווי אין גמ׳ כו׳, איז ווייל די גמרא רעדט וועגן מלאכתך כפשוטו, "ואספת דגנך ותירושך וכו׳" (דברים יא, יד), אויף דערויף זאגט די גמ׳ אז ס׳דארף זיין עראי, אבער דא קען ער ניט זאגן ומלאכתך עראי ווארום ער רעדט דאך וועגן עבודה און גמ"ח, קען מען ניט זאגן אז זיי זיינען עניינים פון עראי ס׳איז מערניט וואס ס׳איז ניט אזוי-פיל קביעוה אזוי ווי עניין התורה,

און דער עניין איז א ענין פון מדה הסידות, אבער ס׳איז ניט מוכרח עפ"י הלכה, ווארום אויב ער שפארט זיך אז עבודתו דארף זיין דער ענין פון

---

*) וה"ז בגדר מה דעלך סני לחברך לא תעביד. ובפרט שזהו פחות מלקבל בשמחה (פיה"מ אבות פ"ג, מי"ב).

**) בל׳ אדה"ז (בהל׳ ת"ת פ"א סוס"ד) "כל נפש". ו"כל מי שיכול להשיג ולידע הרבה ונתעצל ולא השיג וידע אלא מעט צריך לבוא בגלגול כו׳ וא"א לה להתתקן ולהשתלם כו׳ בלתי ידיעה זו".

הנחה הת׳ בלתי מוגה

זבולון מארי עובדין טבין און קובע זיין עתים לתורה, איז דאס אויך א דרך אין עבודת ה׳, נאר אין מדה חסידות האט שמאי באוויזן אז ס׳דארף זיין עשה תורתך קבע, [וואס דער ענין פון תורתך קבע איז א הוראה פאר אלעמען אפי׳ פאר די וואס לערנען פרק א׳ שחרית און פרק אחד ערבית, דארף דאס זיין אין אן אופן פון תורתך קבע - אין אן אופן פון קביעות, און ס׳ווערט על כל היום וכל הלילה].

דער ענין פון תורה איז דאך "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה", קען דאך זיין ער זאל זיך שפארן אז פון יעדער ענין וואס ער לערנט אין תורה דארף ער אדויסנעמען א הוראה און א פסק למעשה, און אויף דערויף זאגט מען עם "אמור מעט" אז פסק׳ענען בנוגע להלכה דארף דאס זיין מעט*), און עד דארן זיין מיראי הוראה, מודא האבן פסק׳ענען, ס׳דארף טאקע זיין דער ענין פון לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא ווארום מ׳זאגט דאך ותן חלקנו בתורתך (אבות פ"ה מ"כ), אין אלע חלקים פון תורה, אויך אין חלק ההלכה, אבער דאס דארף זיין אמור מעט, און דער עיקר פון לימוד התורה דארף זיין אין אן אופן פון דרוש וקבל שכר (סוטה לד, א), און יגדיל תורה ויאדיר (ישעי׳ מב, כא),

קען ער דאך מיינען אז וויבאלד אז ס׳איז נאר אמור מעט אז ער פסק׳נט אפ להלכה נאר מעט, קען דאך זיין אז בא אים זאל פעלן אין עשי׳, אויף דערויף זאגט מען עם ועשה הרבה אז עשי׳ דארף זיין הרבה, און פון וואנענט וועט ער וויסן דעם פסק הלכה - וועט ער הערן פון א צווייטן.

וויבאלד אבער אז דער ענין פון תורה איז דאך ענין המוחין, וואס דאס איז בהבדלה לעצמו, אזוי ווי ס׳רעדט זיך ארום אין חסידות (סה"מ תש"ח ע׳ 47 ואילך ובכ"מ) דער חילוק פון מוחין און מדות, אז מדות איז פארבונדן מיט א זולת, ווארום דער ענין פון אהבה וחסד ורחמים איז דווקא ווען ס׳איז דא א זולת, משא"כ דער ענין פון מוחין איז דווקא ווען ער איז בהתבודדות לעצמו, אדער עכ"פ מיט א חבר, כדי ס׳זאל קענען זיין "בדיבוק חברים ובפלפול התלמידים" (אבות פ"ו מ"ו), און מתלמידי יותר מכולם (תענית ז, א), איז דאס נאר דער וואס קען אים העלפן בלימודו, משא"כ אנדערע זיינען אים מבלבל,

און אויף דערויף איז ער ממשיך "והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות" ניט נאר דער וואס קען אים העלפן בתורתו אדער ער דארף אנקומען צו אים געבן אים א גמ"ח, נאר מ׳דארף מקבל זיין בסבר פנים יפות את <u>כל</u> האדם, אז בשעה יענער גייט צו צו אים זאל ער אים ווייזן (און יענער זאל זען) אז ער איז <u>צופרידן</u> פון דעם וואס ער איז צוגעגייגגען צו אים,

און ע"ד ווי די מעשה פון בעש"ט וואס דער רבי דער שווער ברייגגט דאס אין ספה"מ אידיש (ע׳ 139) אז ער איז געקומען אין א שטאט וואס דארטן איז געווען א פרוש וואס האט זיך מתנהג געווען בפרישות כו"כ שנים, איז דער בעש"ט געגייגגען צום פרוש און האט אים געזאגט שלום עליכם, וואס מאכט איר, און יענער האט באוויזן א פנים זועפות, דערפאר וואס ער שטערט אים פון זיין תורה און זיין תפלה, נאר ער דארף באווייזן א סבר פנים יפות און יענער זאל זען אז ער איז צופרידן פון דעם וואס ער גייט צו עם,

און דאס איז וואס דאס האט געזאגט שמאי דוקא, ווי ער זאגט אין לקו"ת (שה"ש מח, ג) אויף כיצד מרקדין לפני הכלה, אז שמאי איז מלשון השם אורחותיו אז ער שאצט אפ זיינע וועגן, ווארום לכאו׳ איז די עבודה הנ"ל בקוים הפכיים: פריער זאגט ער אז ס׳דארף זיין תורתך קבע; דערנאך זאגט מען אים אז ס׳דארף זיין אמור מעט - פסק׳נען ווייניג; און נאך אלץ זאגט

---

*) יתרה מזה ארז"ל (אבות פ"ו, מ"ו) ואינו שמח בהוראה. ובכ"מ.

<u>הנחת הה׳ בלתי מוגה</u>

מען אים אז ער זאל מקבל זיין כל האדם בסבר פנים יפות, וואס דאס איז דאך בסתירה צו זיין לימוד התורה וקיום המצות,

איז אויף דעם זאגט מען אים אז ס'דארף זיין דער השם אורחותיו, אפשאצן זיינע וועגן וויפל צייט דארף ער אוועק געבן אויף תורתך קבע און וויפל צייט אויף מקבל זיין כל האדם בסבר פנים יפות, ווארום אויב ער וועט זיך פארנעמען די גאנצע צייט מיט מקבל זיין בסבר פנים יפות וועט ער ניט קענען לערנען תורה, און ווען ס'איז דא דער השם אורחותיו דעמולט האט ער צייט און כוחות אויף אלץ און ער האט אין דערויף הצלחה.

וואס דאס איז די נתינת כח ווען ער לערנט כדבעי דעם פרק אין אבות, ובפרט אין דער צייט וואס ס'איז דא די תקנה לערנען פר"א, און בפרט אין דעם שבת וואס ער לערנט פרק א', האט ער א נתינת כח און הצלחה מקיים זיין דעם עשה תורתך קבע, אמור מעט ועשה הרבה, און הוה מקבל כל האדם בסבר פנים יפות, און דאס ברענגט דעם במדה שאדם מודד בה מודדין לו (סוטה ח, ב), אז מ'באווייזט אים מלמעלה א סבר פנים יפות, ע"ד ווי ער זאגט אין לקו"ת בנוגע לחודש אלול (דברים לב, ב) דעם משל פון דעם מלך וואס מקבל את כולם בסבר פנים יפות, ומראה פנים שוחקות לכולם, ובאור פני מלך חיים,

און דער עיקר איז, אז פון זמן חירותינו גייט מען צו קבלת התורה און צו לימוד תורתו של משיח וואס משיח ילמד תורה את כל העם כולו ובעגלה דידן.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א ברך ברכה אחרונה. לאחר מנחה התחיל לנגן הוא אלקינו).

* * *

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>